גוט שבת אלע אידן. דוד גאלדוואסער האט שוין חתונה געהאט 22 יאר און ער איז נעבאך געבליבן קינדערלאז. ער מיט זיין רביצן זענען געגאנגען צו צדיקים, צו קברים פון צדיקים, און געזאגט אסאך תהלים מיט טרערן, ווי אויך האבן זיי פראבירט אלע מיני רפואות. אבער, ליידער האט גארנישט געהאלפן. די צער איז געווען גאר גרויס. אבער ר' דוד מיט זיין רביצן האבן זיך קיינמאל נישט מייאש געווען. זיי האבן געגלייבט אז דער אייבערשטער וועט העלפן.

איין טאג זענען ר' דוד מיט זיין רביצן געגאנגען צו הרב הגאון חיים קאניעווסקי שליט"א צו באקומען א ברכה אז זיי זאלן געהאלפן ווערן. רב חיים האט אויפגענומען ר' דוד מיט א ווארעמקייט. דאן האט ער געפרעגט זיי ווי לאנג זיי האבן שוין חתונה געהאט און וועלכע השתדלות האבן זיי שוין פרובירט. סוף כל סוף האט רב חיים ארויסגעלאזט א קרעכץ און ער האט מסביר געווען פאר זיי אז דער אייבערשטער גיבט נישט קינדער פאר יעדען איינעם, ל"ע. די צוויי האבן מקבל געווען די שווערע ווערטער שטילערהייט, טראכטענדיג וועגן דעם רייד פונעם צדיק.

"אבער רבי... עס מוז זיין עפעס וואס מען קען טון. עס מוז זיין..." האט ר' דוד געזאגט. מען האט געקענט שפירן דעם צובראכענען הארץ אין ר' דודס שטימע.

רב חיים איז געבליבן שטיל, טראכטענדיג עטליכע סעקונדעס. דאן האט ער אנגעהויבן צו רעדען, זאגענדיק "אפשר דאך איז דא יא א וועג. די גמרא רעדט גרויסע זאכן וועגן איינעם וואס איז פארשעמט געווארן און ער ענטפערט נישט צוריק. אפשר..." האט רב חיים גערעדט מיט א האפנונג אין זיין קול, "אפשר טאמער דו וועסט באקומען א ברכה פון איינעם וואס האט איבערגעלעבט א בושה און ער האט נישט צוריקגעענטפערט... דעמאלט... אפשר..."

דאס איז אלעס וואס זיי האבן געדארפט הערן, איין קליינע האפנונג. אבער יעצט האבן זיי געדארפט טרעפן איינעם וואס מען האט אים פארשעמט און ער האט נישט צוריקגעענטפערט...

ברוך לפניק און זיין בני משפחה האבן ב"ה סוף כל סוף געטראפן א דירה אין בני ברק. זיי זענען געגאנגען צו דער דירה די לעצטע מאל כדי צו מאכן זיכער אז זיי ווילן עס קויפן. ווען זיי האבן געעפענט דעם טיר פון דער דירה ארויסצוגיין, האבן זיי געטראפן א פרוי שטייען קעגען דעם טיר.

"איר גייט נישט קויפן די דירה... אמת?"

ברוך און זיין ווייב האבן נישט פארשטאנען וואס די פרוי וויל. ביידע פון זיי האבן נישט דערקענט די פרוי.

"איך ווייס גראדע, אז די דירה איז פארשאלטן!" האט יענע פרוי געזאגט.

יעצט זענען זיי געווארן נייגעריג צו הערן וואס די פרוי וועט זאגן. "פון וואו ווייסטו אז די דירה איז פארשאלטן געווארן?" האבן זיי געפרעגט די פרוי.

"ווייל, איך בין די וואס האט עס פארשאלטן!" האט די פרוי געזאגט. דאן האט זי אנגעהויבן צו מסביר זיין פונקט וואס איז געווען די מעשה. די פריעדיגע אייגנטימערס (בעלים) פון דער דירה האבן צוגעבויט צו דער דירה. יענע פרוי האט געהאלטן אז די נייע צוגעבויעניש האט געשטערט אירע באנוצן אירע אייגענע דירה. וועגן דעם האט זי פארשאלטן די דירה.

ר' ברוך און זיין רביצן האבן נישט מורא געהאט פון דער פרויס רייד. אבער, נאר צו זיין זיכער זענען זיי געגאנגען שואל עצה זיין ביי רב נסים קארעליץ שליט"א. רב נסים האט געשמייכעלט און גלייך אוועקגעמאכט די פרויס טענות. ער אליינס איז געזיצן אויף דעם בית דין וואס האט געפסקענט אז דער מענטש מעג צובויען צו דער דירה. ר' ברוך און זיין רביצן זענען בארואיקט געווארן. אינטער א חודש זענען זיי אריינגעקומען וואוינען אין די דירה.

א שטיק צייט שפעטער זענען ר' ברוך און זיין רביצן איינגעלאדענט געווארן צו א בר מצוה פון א געוויסן שכן. ר' ברוך איז געווען צופרידען אז זיין רביצן וועט האבן די געלעגענהייט צו טרעפן די שכנים ביים בר מצוה.

אין מיטן די סעודה איז פלוצלינג אריינגעקומען צו די עזרת נשים יענע פרוי וואס האט פארשאלטן די ליפניקס דירה. די פרוי האט ארומגעקוקט ביז זי האט געטראפן ברוך ליפניקס רביצן. דאן האט די פרוי אנגעהויבן צו שרייען אויף מרס. לפניק מיט שלעכטע רייד. פאר צוויי מינוט האט די פרוי מקלל געווען מרס. לפניק מיט באליידיקונגען.

מרס. לפניק איז געווארן מורא'דיק פארשעמט ברבים און זי האט אנגעהויבן צוגרייטן צוריקצוגעבן אביסל צו יענער פרוי. א האלבע סעקונדע פאר זי האט געקענט עפענען אירע מויל, האט זי געשפירט אז איינע קלאפט אויף אירע אקסעל און זאגט "ביטע, איך בעט אייך, ענטפערט איר נישט, ענטפערט איר נישט..."

מרס. ליפניק האט זיך ארומגעדרייט צו זען ווער האט איר געבעטן נישט צו ענטפערן. מרס. גאלדוואסער איז געווען די פרוי וואס האט געבעטן אז מרס. ליפניק זאל בלייבן שטיל דורך דעם פארשעמונג.

נאכדעם וואס יענע פרוי די מטורפת איז ארויסגעגאנגען, האט מרס. גאלדוואסער אנגעהויבן צו רעדן, "ביטע לאז מיר מסביר זיין..." דאן האט מרס. גאלדוואסער מסביר געווען ווי זי מיט איר מאן ר' דוד זענען געווען קינדערלאז און ווי זיי זענען געגאנגען בעטן א ברכה פון רב חיים קאניעווסקי שליט"א, און ווי רב חיים האט גערעדט מיט זיי וועגן בעטן א ברכה פון איינעם וואס איז פארשעמט געווארן און וואס האט נישט צוריקגעענטפערט.

"איך האב געווארט פיר און האלב יאר צו טרעפן איינע אזוי ווי דיר. יעצט, איך בעט דיך, געב מיך א ברכה פאר א קינד!"

מיט גרויסע התרגשות, האט מרס. ליפניק אנגעוואונשן מרס. גאלדוואסער אז זיי זאלן געהאלפן ווערן מיט א קינד.

הפלא ופלא! ביז א יאר האבן די גאלדוואסערס געהאלטן א יונגעל בעבי אין זייער הענט, עטליכע 27 יאר נאך די חתונה!

די מעשה איז אזא מורא'דיגע מעשה אז מען קען ארויסנעמען אסאך מוסר השכל פון עס. אבער די עיקר ענין אפשר וואס מיר קענען אלע נתחזק ווערן פון דעם מעשה, איז צו דערמאנען וואס מיר האבן שוין עטליכע מאל דערמאנט, ד"ה, מיר אידן זענען נישט אזוי ווי די אנדערע פעלקער. נאר וואס? מיר זענען א פאלק וואס לעבט מיט א באזונדערע השגחה פרטית פון הימעל. וויבאלד אז דער אייבערשטער האט אונז אויסגעקליבן פון אלע פעלקער צו מקיים זיין די תורה, וויל דער אייבערשטער זען אונזערע הצלחה. כדי מיר זאלן מצליח זיין, טוט דער אייבערשטער העלפן אונז מיט א העכערע בחינה פון השגחה פרטית. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, "...ובך בחר ה' להיות לו לעם סגלה מכל העמים..." וויבאלד אז מיר האבן זוכה געווען צו זיין דער אייבערשטערס אויסגעקליבענע פאלק, לאמיר אלע נתעורר ווערן צו טון נאר דעם אייבערשטענס רצון. ער האט אונז בוחר געווען "ובך בחר ה'", איז לאמיר אלע בוחר זיין אין דעם אייבערשטען. גוט שבת אלע אידן.

מזל טוב להרה"ג רב יוחנן וואזנער שליט"א לרגל שמחת נישואי בתו בשעטומ"צ

נתרם לרפו"ש של שאשא מלכה בת גאלדא ור' מרדכי מענדל בן ציפורה יוטא • לע"נ עמרם בן שמעון ע"ה

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:)**

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למחבר וכותב מתתי' וואלפבערג (845) 362-3234